# לאדזשער ווייבער!

## אוו די מענער זענען בעסער?

די מוטער קומט אהיים 2 ביינאכט טרעפט זי די טאכטער ליגן אויפ'ן אטאמאן און לייענט א בוך.

— טאכטער — האט די מוטער געזאגט — פאר וואס האסטו זיך נישט געלעגט שלאפן, דו ווייסט דאך, אז איך האב מיטגענומען דעם שליסעל פון דער טיר!

— אבער די באבעשי האט דאך נישט מיטגענומען דעם שליסעל!...

• • •

— כ'בעט דיך — זאגט אייבער צו זיין פריינד: בארג מיר צוהונדערטער אויף עטליכע טעג... דיין ווייב מאכט מיר דעם טויט, כ'זאל איהר קויפן א רינגעל.

# סוחריש מעסיג

## דער מאדערנער בעטלער פאר דער ווילקער שוהל

נעבען דער ווילקער שוהל, שטעהט שוין יאהרען לאנג אנ'אלטער יודישער בעטלער, אלע קענען איהם.

מיט עטליכע טעג צוריק ווען ס'האט עטליכע טעג כסדר גערעגענט איז דער אלטער בעטלער נישט געקומען, אויף דער וואנד איז געווען אזא אויפשריפט:

„צוליב'ן שלעכטען וועטער, נעהם איך אן איז מיין פריוואט־וואוינונג דאלנא בום... 2־טען שטאק פראנט, טעלעפאן נום...

# א ריכטינער תירוץ

פויאי... א לא (צ"): ע"קלערט מיר פארוואס בויט מען איצט די נייע היידער אין לאדז מיט גלייכע דעכער?

לאדזשער יוד: כדי די בעלי־חובות זאלען האבען בעקוועם ארויפצוגעהען אויפ'ן היפאטעק.

# שווערע בעדינגונגען

דעם וויצע־מיניסטער קאך האט זיך איינגעגעבען צו בעקומען אין פאריז א הלוואה.

— טאקע? זעהר פיין!

— אבער אויף זעהר שווערע בעדינגונגען.

— דהיינו?

— ער האט געמוזט איבערלאזען א משכון — זיין זילבערנע פאפיראסען־טאש.

# דער קורצסטער וועג

## 10 אווענד אויף א באנק אין סטאשיץ־פארק

ער: מיט דיר, מיין טייבעלע, בין איך גרייט צו געהן אויף עק־וועלט.

זי: צו וואס אזוי ווייט? — פאר מיר וואלט גענוג געווען ביז פאמארסקא 4 — צום רב לייביש ציאזענבערג.

ער: דער וועג איז פאר מיר אביסעל צו קורץ!...

# אין „אסטאריא"

## קנאפזארגערס נאך 1 ביינאכט

— דו ווייסט מיין זוהנדעלע רופט שוין „פאטער".

— אויף וועמען?...

# די „עהרעז־וואר" אין גענף




זיי זאלען עם זיין א מוסטער פון ענטוואפנונג...

# נאר א „יארסקע" מיטאג

## דער „סלאמיאני וודאוויעץ" און דער קעלנער

גאסט: הער אבער, נעהמט געלד?

קעלנער: וואס צאהלט איהר?

גאסט: פארשפייזע, יאגדע־זופ, קאלאפיאר, אמלעט, מייערן־צימעס, קאמפאט, שווארצע קאווע.

שנעלער מאכט דעם רעכנונג.

קעלנער: אבער וואס איילט איהר זיך אזוי?

גאסט: איך איל מיך צום מיטאג.

#ביים ווייב אויף אורלויב

## כמעט א מאנאלאג פון א לעטניק

איך זאג נ"יידן, אז אויף אורלויב דארף מען נאר פאהרען צו אנ'אייגען ווייב. איהר האט אנ'אהנונג, ווי אזוי מיין ווייב פאשעט מיך! א גאנצען טאג רעדט זי נאר וועגען עסען!

12 פארמיטאג, פרעגט זי מיך: נטע'לע, וועסט אפשר עסען מיטאג? 1 א זייגער: וואס זאל איך דיר מאכען אויף מיטאג? 2 מיטאג. אוי ווי מיר, כ'האב דאך גאר איבגאנצען פערגעסען — דו האסט דאך נאך הייבט גארנישט געגעסען! 3: דו חלשסט אוודאי פון הונגער? 4: א ליאדע שעה וועט ס'מיטאג פערטיג זיין. 6: ווארט צו מיי זאוצר נאך איין שעה, וועלען מיר שוין ביידע עסען צוזאמען אוועגד־ברויט. 8 און. כ'פיהל מיך עפעס נישט, מיט אלעמען — וועסט אפשר געהן עפעס עסען אין פענסיאנאט?

# זייז גרויסער בייפאל

## אין ארטיסטען־פעראיין

וואו איז דיר געגאנגען אויפ'ן טורנע? — פרעגן די חברים אנ'ארטיסט, וואס איז גלייכצייטיג אנ'אימפרעסאריא.

— אויסגעצייכענט! אויף מיין בענעפיס האט מען מיך ארויסגערופען צום ניינטען מאל... צום אויספארשונגס־ריכטער, און צום אוועקפאהרען, האבען מיך צו דער באהן בעגלייט אלע מיינע... בעלי־חובות.

# אויף דער ווסכאדניע

## פרייטאג אין דער יאמקע

געבזלערין (צו א קונה'טע)): קויפען זי מאדאם די גאנז, איך וועל זי איהן אליין אפפליקען, כ'וועל אליין איהן אפהאקען די פיס און אויב זי ווילען וועל איך איהן ארויסנעהמען דעם פיפיק מיט די מישעטס!...

# א געשיקט ווייב און א מאן א סוחר

## אונטערגעהערט אויף א ווארענדע אין קאלומנע

מאן: גיב מיר חנהלע, דאס האק־מעסער, וועל איך דיר העלפען האקען די קליסקעלעך.

פרוי: דו טוסט עס פון ליבע צו מיר? אזוי ליב האסטו מיך?

מאן: צעהן פראצענט איז עס פון ליבע. פערציג פראצענט פון דעם, וואס איך בין טויט־הונגעריג און פופציג פראצענט וואס דו ביזט א שלימזלדיגע יודענע, און דאס מיטאג וועט פארטיג ווערען 4 א זייגער פארטאג.

# דער קונדס

הומאר • סאטירע •

צוזאמענגעשטעלט פון אב—נעק •

ביילאגע צום נייעם פאלקסבלאט נומער 176 — פרייטאג, דעם 29 יולי 1932

# דער איינציגער „גאסט" איז פענסיאנאט




די גאנז (איז האמאק): ענדליך איז אויף מיר אויך געקומען א צייט!...







אויבען רעכטס: ניו־יאָרקער אויבער־בירגערמייס־טער בעגריסט די דייטשע מאַנשאַפט וואָס פאָהרט אויף דער אָלימפּיאַדע.

אויבען אינדערמיט: אַ נייע ערפינדונג אין כלי־הר־וועזען. — פאַל־שירמס מיט בענקלעך.

אינדערמיט : אַ געטהע־מעדאַל. איז פערטיג גע־מאַכט געוואָרען אין פראַנקרייך.

אונטען רעכטס: פראָפעסאָר פיקאַר גרייט זיך צו פליהען אין דער סטראַטאָספער׳ע.

אויבען לינקס: אויספלוג פון עסטרייכישער יוגענד אין בערלין, בעעהרט די געפאַלענע דייטשען אין וועלט־קריג.

אונטען אינדערמיט: די בעריהמטע פליהער׳ין ביינ־האָרן איז צוריקגעקומען פון איהר רייזע אַרום דער וועלט.

אונטען לינקס: דער ווינער טעכניקער יאָזעף מילען האָט געמאַכט אַ ערפינדונג וואָס וועט מאַכען אַנ־איבערקעהרעניש אין דער פילם־קונסט.







ד״ר קאַהלהאוש נייער רעקטאָר פון בערלינער אוניווערזיטעט.



דער פריהערדיגער עסטרייכישער קאַנצ־לער שאָבער איז שווער קראַנק געוואָ־רען.



באָטשאַפטער באַדאָלני, פאָרזיצער פון דער דייטשער דעלעגאַציע אויף דער ענטוואָפ־נונגס קאָנפערענץ.



בעריהמטער פּראָפעס. האַבערלאַנד ספּע־ציאַליסט אויף הארץ און געהירן־קראַנק הייטען איז געשטאָרבען.









אויבען רעכטס: דער גרויסער געזאַנגס־יום־טוב אין פראַנקפורט.



אויסטריאַ — די גרעסטע זעגעל־לופט־שיף אין דער וועלט איז בעת אַ קאַטאַסטראָפע פערניכטעט געוואָרן.

דער פליהער קאָרנפעלד (אין קרייז) איז געראַטעוועט געוואָרן.



קעמאַל האַוס־בעי, דער ערשטער טערקישער דעלעגאַט פון פעלקער־בונד.



פרייסישע פרינצעסין אירענע איז געפאַלען אַ קרבן פון אַן אויטאָ־קאַטאַסטראָפע.

אונטען רעכטס: דער פראַנצ. סטראַטאָספערע אַעראָפלאַן איז פערטיג געוואָרען, אין קרייז פליהער קופּע










אונטען רעכטס ד״ר לאַבוגל נייער אַרגענטינישער געזאַנדטער אין בערלין.

2) סעבאַסטאָר באַראָה האָט זיך איצט אַרויסגעזאָגט פאַר שטרייכען די מלחמה־חובות.









אינדערמיט: אַ ראַקעטע אין דער סטראַטאָספערע וויל אַרויסשיקען אינזשיניער ווינקלער,

אויבען לינקס: דער העלינג־פאַנג האָט זיך אָנגעהויבען.

אינדערזייט 1:) געשטאָרבען דער פּיאָנער פון לופט פליה־וועזען דומאַן, וועלכער איז נאָך אין 1901 אַריבערגעפלויגען דעם אייפעל־טורעם. 2() ד״ר ע. לערס פערוואַלטעט איצט אין פרייסישען אינערן־מיניסטעריום.

אונטען לינקס: די הויפט־גאַס אין לאָס־אַנדזשעלאָס איז אילומינירט געוואָרן צוליב דער אָלימפּיאַדע



